NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13081

# AF DER AKHTER

B. Medresh

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ד. מערעס



# אופ דער אכטער דיסטאנציע

א.פ.װ. — יידסעקטער — מינסק — 1932

ב. מעדרעש

# אפ דער אכטער דיסטאנציע

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

מעלוכע־פארלאג פון ווײַסרוסלאנד
ייִדסעקטער

1932 מינסק

PRINTED in U. S. S. R.

№ 566
רעדאקטער—מ. דובראָוויצקי
ליטקאָרעקטור—האָדער
טעכרעדאקטער—קאָרפּינאָוויטש
אָפּגעגעבן אין דרוקעריי דעם 25/IV 32 י.
אונטערגעשריבן צום דרוק דעם 29/IV 32 י.

# אינהאלט


| | זייט |
|---|---|
| א בריוו אין באקו | 3 |
| אפ דער אכטער דיסטאנציע | 5 |
| זייַנען מיר בריגאדירן | 8 |
| א סקאנדאל אין שול. | 11 |
| ארויסגעשלעפּט פון בלאָטע | 14 |
| פארכאפּט א בראָנעוויק | 16 |
| איטשען כאַלעמט זיך. | 18 |
| יאשקע באקומט אן אויסרייד | 20 |
| טוויי לימודים | 22 |
| באש רול פון סאָוועטישן פאָרד | 24 |
| א דורכרײַס! א דורכרייַס! | 27 |
| בריגאדירן פון פינפיאָר | 30 |
| א בריוו פון באקו | 32 |


דרוקעריי א. נ. סטאלין

באשטעלונג 1605. טיראזש 3000. גלאווליטבעל 331.

# אַ בריוו קיין באַקו



זדראַוו, ברודער זעליק!

וואָס מאכסטו אין ווייטן באַקו? זיצסט נאָך אַלץ אַף די נאַפט־קוואַלן און דער־לאַנגסט טעמפּן פארן פינפיאָר? זײַ געגריסט, העלדישער ברודער. האָסט מיט דײַנע כאַווײרים אויסגעפילט דעם ערשטן פינפיאָר אין צוויי מיט א האַלבע יאָר, געבנדיק דער מעלוכע 26,4 מיליאָן טאָן נאַפט, האָסט באַזאָרגט מיט שפּײַז, מיט בענזין, און־דזערע סאָוועטישע מאַשינעס, קעדיי מיטן פולן דאַמפּ שפּרײַזן פאָרויס צום סאָציאַ־ליזם, ביסט א העלד, ברודער מײַנער!

דײַן בריגאַדע איז א שלאָגלערישע, טאָ שלאָג זיך אויך ווי פריער פארן פּראָם־פינפּלאַן, פארגעדענקט, אז צום סאָף פון צווייטן פינפיאָר דאַרפט איר געבן דער מעלוכע 78 מיליאָן טאָן. ווייס, אז מיר שפּירן נאָך יעדן טראָט דײַנעם. מיר לערנען זיך גיין אַף דײַן וועג—מיר קינדער פון דער פּאָליטעכנישער שול.

קום צופאָרן — וועסט אונדזער שטאָט ניט דערקענען. זי קריכט ניט אַראָפּ פון די רישטאָוואַניעס. טאָג נאָך טאָג וואַקסן אויס פון דער ערד אין די הימלען אַרײַן נײַע גראַנדיעזע זאַוואָדן, בויונגען, נײַע גאַסן, נײַע הײַזער—א נײַע שטאָט.

און מיר לערנען זיך, מיר לערנען זיך פארבײַטן די עלטערע אַרבעטער באַם וואַרשטאַט, מיר שלאָגן זיך, ווי דו, פאַר טעכניק, פארן פּראָמפינפּלאַן, פאַר דער לענינישער לערע, פאַר א געזונטן פארבײַט.

ווײַל די סטאַלינע לענינישע פּאַרטיי פירט אונדז אַף א ריכטיקן וועג — פאָרויס צום קאָמוניזם.

ווייס איך, אז דו וועסט אָנשרייבנ א בריוו וועגנ אייער העלדישער ארבעט דאָרטנ
בא אייך אפ די נאפט-קוואלנ אינ באקו,-דו וועסט דערציילנ אונ מיר וועלנ לייענענ
די העלדישע בלעטלעך פונ קאמפ פארנ סאָציאליסטישנ לאנד — דעם פאָטערלאנד
פונ אלוועלטלעכנ פראָלעטאריאט.

שרייבסטו אָנ, ברודער מיינער? פארגעדענק, איך ווארט אפ א בריוו.

קוק זיך גוט צו, ווי מיר ארבעטנ אונ לערנענ זיך, — וועסטו זענ, אז דיינע ייִנ-
גערע ברידערלעך גייענ אויך אפ דיינ וועג.

גוים דאָרט דיינע יאטנ — די שלאָגלער פונ פינפיאָר.

דיינ ברודער דער פיאָנער —

יאשע.

# אַפּ דער אַכטער דיסטאַנציע

אָט איז דער לערער אראָנ. אַפּ זײַנ ברייטנ נאָז ליגנ חי שטענדיק זײַנע שוואַרצע ברילנ אונ פונ זיי קוקנ ארויס צוויי שמייכלענדיקע אויגנ.

— כעוורע פּאַרטיק?

— פּאַרטיק!

איצט ווייסנ די יאַטנ אַפּגעווּיס.

— מיר גייענ, מיר גייענ אַפּ דער אַכטער דיסטאַנציע.

לערער אראָנ קוקט אַפּ די שילער אונ איז צופרידנ. די שילער קוקנ אַפּנ לערער אראָנ אונ זײַנענ זייער צופרידנ.

— קומט.

מיר גייענ.

זוניקע שטראַלנ פאַלנ שוינ גלײַך אַפּ נאַסע טראָטוּאַרנ אונ זיי ווערנ טרוקנ—די נאַסע טראָטוּאַרנ.

גייענ יאַטנ, פול מיט פרייד אונ ענטוזיאַזם.

חעט דער פּאַרוואַלטער אָפּזאָגנ?

ניינ! ניינ!

אַלע טראַכטנ וועגנ איינס. דער איינציקער וואָרט, וואָס לאָזט זיכ הערנ:

— פּאָ-לי-טעכ-ני-זאַ-ציע.

ליגט די אַכטע דיסטאַנציע צעלייגט אַפּנ פרײַענ פעלד אויש הינטערנ שטאָט. צוגנ לויפנ דאָ אומ הינ אונ צוריק אונ ברענגענ צופירנ פולע וואַגאָנענ שטיינער יאַראָסלאַוּוקעס סאָוועטישע צעפירנ די שטיינער איבער צענדליקער קילאָמעטער צו די שטיינהעקער. ברוקירער כאַפּנ אונטער די שטיינער—אונ א לאַנגער שאָסיי-וועג הייבט אָנ וואַקסנ.

דער פּאַרוואַלטער פונ דיסטאַנציע, כ׳ אַקימאָוו, האָט פריילעכ א קוק געטאָנ אונ געזאָגט:

— זיצט!

זיצנ די שילער אונ קוקנ אַפּנ לערער אראָנ, קוקנ אַפּנ פּאַרוואַלטער כ׳ אַקימאָוו.

— נו?

— וואָס נו?

האָט גערעדט דער לערער אראָנ, האָט צוגעגעבנ דער שילער קאַפּלאַנ:

— אזוי אונ אזוי, כ׳ אקימאָוו, אײַער דיסטאנציע דארפ זײַנ די באזע אפ פּאָלי־טעכניזירנ אונדזער שול.

— מיר זײַנענ אָנגעלאָדנ מיט קענטעניש, מיר האָבנ קויכעס, מיר ווילנ פּרוּווּנ אונדזערע קויכעס.

— יאָ...

כאווער אקימאָוו איז מונטער אונ פריילעכ. אונ אָט האָט ער זיכ פלינק א הייב געטאָנ פונ שטול!

— קומט, איכ וועל אײַכ העלפנ מיט וואָס נאָר איכ וועל קענענ.

ארויס זײַנענ מיר אַלע אפנ פרײַענ פעלד.

אָט דאָ וועלנ מיר מאכנ א שאָסיי,— האָט כ׳ אקימאָוו אָנגעוויזנ אפ א גלײַכער ליניע אינ דער טיפער ווײַטקײַט.— אָט דאָ וועלנ מיר צײַט א יאָר האָבנ א שאָסיי— אזש קיינ מאָלעוו. סאָוועטישע אווטאָמאָבילנ וועלנ איבער דעם וועג פײַל פונ בויגנ פליִענ אונ פירנ סכוירעס פונ שטאָט אינ די קאָלווירטנ אונ פראָדוקטנ פונ די קאָלווירטנ אינ שטאָט ארײַנ. דאָ וועלנ שוינ מער ניט זײַנ קיינ בלאָטעס, גריבער אונ בערגלעכ, עס וועט זײַנ— גלאטער אספאלט.

— אינטערעסאנט.

— יאָ, פאר אײַכ אָט ליגט א פעלד פונ ארבעט: העלפנ רעמאָנטירנ צעבראָכענע מאשינעס, דערלערנענ זיי, לערנענ זיכ אליינ אָנפירנ מיט זיי. איז וואָס? זײַט איר אײַנשטימיק?

— א פראגע!

דער לערער אראָנ איז צופרידנ. ער נעמט איטלעכע ווײַלע אראָפּ די ברילנ פונ נאָז אונ ווישט זיי אויס. קוקנ יאטנ אפנ לערער. ווי זיי וואָלטנ אפ זײַנ פּאָנעם וועלנ אנ ענטפער געפינענ.

— ווי האלט איר, לערער אראָנ?

דער לערער אראָנ טוט אָנ די ברילנ. צווייענ דריקנ זיכ פעסט די הענט— דער לערער אראָנ אונ דער כ׳ אקימאָוו.

לויפנ אווטאָמאָבילנ אומ הינ אונ צוריק. זיי זײַנענ שווערע. זיי זײַנענ אָנגעלאָדנ מיט זאמד אונ שטיינער. זיי פליִענ אונ טראָגנ זיכ אוועק ווײַט— ווײַט...

זײַנענ די שילער אוועק אינ שול.

שליאָמקע לויפט פאָרויס אונ ציט דעמ לערער פארנ ארבל:

— וועלנ מיר הייסט עס שאָפערנ זײַנ, לערער?

— אונ מעכאניקער?

— דעמ מאָטאָר אויכ דערלערנענ?

— אונ אָנפירנ מיט אימ?

אונ מייער, דער סאמע קלענסטער, איז פאָרויס פאר אלעמענ געגאנגענ אונ האָט אונטערגעשפרונגענ פונ פרייד.

— אײַ, לערער, וועלנ מיר זיכ דאָס קאטײַענ...

ווידער איז די שול פול מיט קינדערשע קעלכעלעכ. הײַנט אינ יאָנטעוו אינ שול. איבערנ זאל האָבנ זיכ קינדערשע פיסלעכ געטראָגנ אינ א טענצל. מייער האָט די הויזלעכ פארקאשערט אונ גיב אוועקגעשפאנט, ווי אנ אווטאָמאָביל:

— טש־טש־מש־טשו־טהו־טו־טו—לאָזט דעם וועג!
זײַנען אַלע קינדער אַוועק נאָך אים:
... שאָפערן ווילן מיר זײַן... דעם רול האַלטן אָט אַזוי אין האַנט, פעסט, פעסט...
אַלע וועלן דיר דעם וועג באַפרײַען... לאָזט, אַן אַווטאָמאָביל פאָרט... אָט איז, דוכט זיך, אײנער אונטערן ראָד... דעם טאָרמאָז... אַרויסגעראַטעוועט... ווײַטער, ווײַטער...
איטשע האָט אַ טאַטן—איז ער אַ געוועזענער קרעמערל, איטשע קוקט אין דער קרום אַף אָט דער פרייד פון צענדליקער שילער, ער שטייט אָן אַ זײַט און בורטשעט:
— איך האָב מוירע, איך זאָל אונטער די רעדער ניט אַרונטערפאַלן, אַף וואָס טויג מיר דעמלט די גאַנצע שאָפערײַ.
— גוטמאָרגן, ער איז ווידער דאָ.
— רויק!—

★ ★ ★

פאַרוואָס איז די לערערקע פון פיזקולטור, כ־טע גאָלדבערג, היינט אַזוי נערוועז?


איך, לערער, וועלן מיר זיך דאָס קאַטײַען...

ווער איז שולדיק, וואָס היינט לויפט נאָר דער באָל אין פענצטער און עס פלאַצט אַ שויב נאָך אַ שויב.
פאַרוואָס זײַנען די קינדער היינט אַזוי האָפערדיק?
עפשער דערפאַר, ווײַל דאָס איז דער לעצטער לימעד, און מאָרגן...
— מאָרגן?—מאָרגן אַף דער אַכטער דיסטאַנציע.
— אַ פראַגע!!
— קלאָר.
איז טאַקע די כ־טע גאָלדבערג היינט בייז און דערפאַר באַרויקט זי יאַנקל:
— מע דאַרף זיך ניט נעמען צום האַרצן, לערערקע, וועט פלאַצן אַ שויב— וועט מער אויטיל זײַן...
— און מיר קלײַבן דאָס אויטיל!
— פון אויטיל וועלן מיר מאַכן מאַשינעס!
— און אַף מאַשינעס וועלן מיר זיך קאַטײַען...
— הוראַ!
— זע נאָר, ווילסט ברעכן שויבן אַף אויטיל? צעפליק דײַן העמדל, וועט אויך אויטיל זײַן.
— וואָס האָסט ווייניק זאַכן פאַר אויטיל,—איז יאַנקל אַרויסגעטראָטן—גאָר שויבן ברעכן?
— קינדער, ווערט די לערערקע שוין אין קאַעס,—זאָל שוין זײַן אַן עק, אַכטונג
— אַ סאָפּ! אַ סאָפּ!

# זײַנען מיר בריגאַדירן

דורך די לאָדנס האָט אָנגעהויבן ארײַנקוקן דער דערוואַרטער פּאַרטאָג. און הײַל דער פּאַרטאָג איז הײַנט א וויכטיקער, ווײַל א גאַנצע נאַכט איז דער געלעגער איבעריק געווען,—איז אָנגעטאָן זיך און אף ביידע פיס אינ שול ארײַן.

זײַנען שוין בא יאַטן גרייט בלײַפעדערס און בלאָקנאָטן, איז מען גרייט אינ וועג ארײַן.

און יאשע לייגט פאָר:

— יאַטן, לאָמיר זיך, אלע אכצן דערקלערן פאר א שלאָג־בריגאדע.

— דערלאַנגן!

— א נאָמען געבן דער בריגאדע.

— א נאָמען?

— וואָ־ראָ־שי־לאָוו!

— אײַנשטימיק!

איז יאשקע געוואָרן דער סעקרעטאר פון דער בריגאדע. יאשקע איז אן איבערגעגעבענער פּיאָנער, אן אקטיווער און א גוטער. שילער.



... און אינ וועג ארײַן ...

ס'איז נאָך פרי. אף דער אכטער דיסטאנציע איז שוין אָבער לעבעדיק. שטייען 26 סאָוועטישע „פאָרדן" אויסגעפוצט. זיי זײַנען גרייט איצט די שווערסטע מאסע אף זיך נעמען און טראָגן זיך מיט דעם ווײַט־ווײַט...

גאָר מאָדנע האָבן די שאָפערס אופגענומען די בריגאדע. אף דער באגריסונג האָבן זיי געענטפערט.

— זדראָוואָ, קאראפוזיקי!

און איינער א שאָפער האָט א טומל אפילע אופגעהויבן:

— זעט נאָר, ברידער, שנעקעס,—וואָס וועלן זיי דאָ טאָן?

א צווייטער האָט א שפּײַ געטאָן קונציק אף דער זײַט פון דער בריגאדע און אויסגעפײַפט אזוי:

— איר קוקט זיי אָן, רעביא, וועלן זיי דאָס „גרוזשטשיקעס" זײַן, וועלן זיי עס שטיינער וואַרפן, אז א רויך וועט גיין...

און די שאָפערס האָבן זיך פאנאנדערגעלאכט.

מאָדנע האָט זיי אויך אָנגעקוקט די בריגאדע, האָבן יאַטן איינער אפן צווייטן געקוקט און געטראכט:

— טאקע פון וואָס וועלן מיר דאָס אָנהויבן טאָן?

נאָר אָט האָבן זיך צערעדט מאָטאָרן, עס האָבן זיך צעשפּילט אוטאָ־סירענעס—מיד־טו־טו—און צעפאָרן זיך.

אפן פעלד איז געבליבן נאָר דער גאראזש מיט די צעבראָכענע מאשינעס, וואָס וואַרטן אף א גיכער היילונג, און די בריגאדע מיט יאשקען אין דער שפיץ.

איטשע האָט גענומען א וואָרט:

— יאטן, וואָס שטייען מיר, ווי ליימענע גולעמס! איך זעט ניט, אז מע וועט אונדז דאָ באלד געבן אין קארק? פּאָליטעכניזירן זיך ווילט זיך זיי! עפשער וואָלטן מיר גאָר אוועק צוריק אין שול אריין...

אלעמען איז געוואָרן זויערלעך אפן הארצן.

יאשע האָט אָבער ניט אויסגעהאלטן און גענומען דעם טאָן פון אן עלטסטן בריגאדיר:

— וועסט פארמאכן דיין פּיסק?

יאשע איז אוועק און געקומען איז ער מיט נאָך איינעם, מיט א שאָפער. אפ יאשקעס פּאָנעם האָט געשפּילט א פרייד.

— אָט איז די בריגאדע און אָט איז אונדזער אָנפירער.

— כ׳ קראַוטשענקאָ, זייט באקאנט!

— זייט איר גרייט?

— גרייט!

— טאָ קומט!

כ׳ קראוטשענקאָ איז ערנסט, כ׳ קראוטשענקאָ איז א פארטיי־מאן. ער איז צופרידן, וואָס אים וועט אויסקומען אָנפירן און לערנען די שול־בריגאדע.

האָט ער אויסגעצויגן א האנט א כאווערישע דער בריגאדע און צוגעפירט צו אן אווטאָ־מאשין.

— אָט איבער דעם אווטאָמאָביל וועלן מיר ארבעטן, ארבעטן אזוי לאנג, ביז מירן אים אף די פיס אוועקשטעלן, ביז מירן אף אים פאָרן.

איר זעט דעם אווטאָמאָביל? ער איז נאָך גאָר א נייער. אָבער צוליב א נאכלעסיקער באציִונג פון איינעם א שאָפער, וועלכער האָט פארגעסן אָנגיסן אייל אין קארטער, — זיינען זיך די קני־צוקייטלונגען פאנאנדערגעאנגען. איצט רירט ער זיך ניט פון אָרט. דערווייל איז ער א טויטער.

— וועלן מיר אים פאנאנדערנעמען, העלפן אים פאריכטן.

די ארבעט איז ניט לייכט. עס איז אָבער פריילעך. קינדער האָבן שליסלען אין די הענט באקומען, אָט דרייען זיך שרייפלעך פון פארשיידענע ערטער פונעם הארצן פון באוועגער.

— ווו ליגט מען די הייקע, די מוטערקע, כ׳ קראוטשענקאָ.

— אָט אין יענעם צינק־קעסטל.

— פּאָרזיכטיק, פּאָרזיכטיק, רייס ניט אראָפּ דעם שרויף.

— אָט אזוי, אָ!

יאנקל האָט דאָס אויבערשטע דעקל פון מאָטאָר, דעם קאָפּאָט אוועקגעטראָגן, ער איז געפאלן און זיך אויסגעשמירט אין אווטאָל „ט״ [1].

[1] אווטאָל „ט״ — אווטאָמאָביל־אייל.

לאכן פון אים די יאטן.

— א בערישער קער.

און יאנקל לאכט אויך. ער וועט איצט, דוכט זיך, די שווערסטע ארבעט נעמען. זאָל מען נאָר פון אים ניט לאכן. ער וועט זיך שוין מער ניט אויסגליטשן.

אלע זיינען צופרידן. די טיילן פון באוועגער, וועגן וועלכע כ׳ קראווטשענקאָ האָט דערציילט, זיינען שווערלעך געקראָכן אין קאָפּ. איינציקע נאָר געדענקען זיך.

עס געדענקט זיך אזוי:

— צילינדער—נו, א בורזשוי מיט א צילינדער.

— בלאָק,—נו, בלאָקנאָט מינוס נאָט וועט זיין בלאָק.

און אזוי ווייטער.

איז וואָס איז דאָ צו געדענקען. כ׳ קראווטשענקאָ איז דאָך אין זייערע הענט. כ׳ קראווטשענקאָ איז דאָך אן אייגענער יאט, וועט ער זיי נאָך טעאָרעטיש אלץ געבן צו פארשטיין. זיי וועלן אלץ פארשרייבן און וועלן עס דערלערנען און אויסלערנען.

ס׳איז אן איבערייס אפּ מיטיק. זיינען די שילער אויך אוועק עסן. זעען די שאָפערס די שילער, זעען די שילע שאָפערס. מע ווארפט זיך איבער מיט ווערטלעך.

— וויפל דארפסטו אזוינע יאטן?

— 2 טוץ.

— העלדן.

— זע, פאראן אויך צווישן זיי מיידעלעך.

אין קאנצעליאריע האָט מען גערופן דעם עלטסטן בריגאדיר. יאשקע איז אוועק.

— כ׳ אקימאָוו, גוט מאָרגן!

— נו, ווי גייט עס?

— זייער גוט!

— צופרידן?

— נאָך ווי!

— איז אָט. מע דארף עטלעכע יאטן אריבערפירן אין קאנצעליאריע. ס׳איז דאָ וואָס צו טאָן.

— מע קאָן.

האָט שליאָמקע איבערגענומען די קאָמאנדע איבער דער נייער גרופּע. מיט שליאָמקען זיינען אוועק עטלעכע יאטלעך און דריי מיידלעך.

בא א טישל זיצט די נייע גרופּע. זיי לייענען א בוך. א בוך פון אויסריידן. דאָס איז א בוך, וווּ עס זיינען פארשריבן פאלן, ווען שאָפערס האָבן זיך שלעכט באצויגן צו דער טעכניק, צו דער מאשין.

— „פּאָרד“ AA 1½ טאָן, נום. 3756850 איז נאָר וואָס ארויס פון קאפּיטאלן רעמאָנט. טייקעף אפּן ערשטן פּרוּוו, ווי נאָר דער שאָפער טעטראָ גלאָבוש האָט זיך געזעצט באם רול, האָט ער פארגעסן אָנגיסן וואסער אין ראדיאטער, צוליב וואָס דער בלאָק האָט זיך צעשמאָלצן“.

— „אמאָ ф—15 איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אפּ א לאנגער צייט אין רעמאָנט, צוליב דער אומפאָרזיכטיקייט פון שאָפער איוואנ קאָבלעץ, וועלכער איז אָנגע־

שפּרונגען אַף אַ בוים, ער האָט צעביינט די פאָדערשטע אַקס און אָויסגעזעצט דעם קאַרטער פון די לאַפּעס".

— „צוליב אַ גאַנצן נאָך אַ „רעקאָרד" פון גיך פאָרן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי פאָרדן אונטער דער אָנפירונג פון זעליקמאַן און גרישעל. עס זײַנען צעפּאַטערט צוויי ראַדיאַטערס, פּראָפּעלערס, פאַרן, קראַנשטײַנען".

און נאָך אַסאַך אַזעלכע פאַקטן.

איז גאַ אַט דער גרופּע שילער אַן אידייע אופגעקומען. זיי האָבן באַשטימט:

— ניטאָ קיין רויטע און שוואַרצע ברעט!

— וועט זײַן!

— פּראָגנאָזן שיקעס?

— ביז נײַע!

— הײַנט באַרײַסער „רעקאָרדיסטן".

★ ★ ☆

דער ערשטער טאָג איז געווען אַ תּולער, אַ געלאָדענער, ווי אַ שווער געלאָדענע מאַשין. זײַנען די שילער אַהיים געקומען פול מיט אײַנדרוקן.

דער הײַנטיקער טאָג אַף דער אַכטער דיסטאַנציע האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פרישן שטראָם מונטערקײַט און פרייכלעכקײַט אין שול.

קלאָר האָבן די שילער באַנומען:

— פּאָליטעכניזאַציע — לערנען זיך און אַרבעטן!



## אַ סקאַנדאַל אין שול

זײַנען טעג געפלויגן שנעל. די שילער לערנען זיך און זײַנען צופרידן, זיי אַרבעטן אַף דער אַכטער דיסטאַנציע און זײַנען צופרידן.

אָבער הײַנט איז עפּעס דער לערער אַראָפּ זייער אופגעבראַכט.

— וואָס איז אַזוינס געשען?

קיינמאָל האָבן נאָך די קינדער ניט געזען אַזאַ דעם לערער אַראָפּ. וואָס האָט עס אים איצט אַזוי אופגערעגט?

דער ענטפער איז — איטשע.

איטשעס טאטע איז מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך געווען א קרעמערל. אַט דאָרטנ אפנ מארק איז ער געשטאנענ מיט א טישל. איצט ארבעט ער אלס א שווארצאר־בעטער באם אויסגראָבנ טאָרפ הינטערנ שטאָט.

קומט ער צוגיינ אהיים פונ דער ארבעט אנ אומצופרידענער. באם עסנ וועטשערע הייבט מענ קימאט שטענדיק אָנ צו שמועסנ.

איטשעס טאטע רעדט בייז אונ מיט קאעס. עפּעס איז ער אומצופרידנ.

— זיי זאָגנ, אז מיר לעבנ איבער שוועריקייטנ, זיי זאָגנ, אז דאָס איז דערפאר, ווייל מיר וואקסנ זייער שנעל. איכ וויל אָבער דערפונ ניט וויסנ. איכ וויל לעבנ ווי א מענטש. אמאָל, ווענ איכ בינ נאָכ געשטאנענ אפנ מארק מיטנ טישל, האָב איכ בעסער געלעבט.

אַט אזעלכע שמועסנ כאזערנ זיכ איבער זייער אָפט. בלויז דענסטמאָל, ווענ איטשעס טאטע באקומט געלט, ווערט ער אביסל פריילעכער.

איז אַט...

געווענ איז א לימעד פונ געזעלשאפטלעכע (?) איג פינפטנ קלאס.

גייט די לעקציע ווי אלעמאָל. דער לערער אראָנ דערציילט וועגנ אונדזערע גרויסע דערגרייכונגענ איג דער סאָציאַליסטישער בויונג. ער דערציילט אונ איליוסטרירט עס אפ דער קארטע פונ פינפיאָריקנ פלאנ. ער רעדט אויכ וועגנ אונדזערע שוועריקייטנ.

הערנ אלע אופמערקזאם אונ אָנגעשטרענגט.

— פארוואָס איז עס, לערער אראָנ? איר זאָגט, אז אלצ איז פאראנ, אונ מיר האָבנ גאָרנישט פונ דעם. שיכ ניטאָ. אַט זעט, אפילע מיינע שיכ בעטנ אויכ עסנ. איז אפ וואָס טויג עס אונדז אלצ, הא?...

דאָס האָט געפרעגט איטשע אונ זיכ אוועקגעזעצט.

עס איז שטיל.

יאשע האָט זיכ ניט געקענט איינהאלטנ אונ איז אופגעשפרונגענ.

— כאווירים,—האָט ער אָנגעהויבנ,—ביז ווי לאנג וועלנ מיר הערנ אזעלכע קלאסנ־פיינטלעכע רייד איג אונדזערער א סאָוועטישער שול. איטשעס מיינונג איז זיינ טאטנס מיינונג. מיר, פיאָנערנ אונ שילער, וויסנ, אז דער פינפיאָר איז פאר אונדז ארבעטער־קינדער. מיר ארבעטנ אונ לערנענ זיכ, קעדיי העלפנ פארווירקלעכנ איג לעבנ די פלענער פונ פינפיאָר. מיר זיינענ דאָכ אויכ שרייפּלע איג א גרויסנ מעכאניזם פונ בויענ די סאָציאַליסטישע לאנד.

אפלאָדיסמענטנ.

— פארורטיילנ אזא ארויסטרעטונג.

שליאָמע האָט צוגעגעבנ.

— ער פרווט אונטעררייסנ אויכ די ארבעט אפ דער אכטער דיסטאנציע.

— געננוג אגיטירנ פארנ קלאסנ־סוינעו!

האָט זיכ אופגעהויבנ א טומל.

לערער אראָנ האָט קאם בארויקט די שילער.

נאָכ דער פערטער לעקציע, ווענ מע האָט געבראכט די הייסע פרישטיקנ, איז איטשענ די סופ ניט געפעלנ געוואָרנ. האָט ער אופגעהויבנ די טעלער אונ אויס־געגאָסנ די סופ אונטערנ טיש.

— וואָס זײַנען מיר כאַזײַרים, וואָס מע גיט אונדז פּאַמאָיעס?!

אים האָבן אונטערגעהאַלפֿן נאָך אײניקע שילער. זײ האָבן אויך אוועקגעלײגט די לעפֿל.

א סקאַנדאַל.

נאָר אָט זײַנען אַרײַן דער לערער אַראָן און דער עלטסטער פֿון פּיאָנער־באַזע, כ׳ קאַהאַן.

— רויִק, קינדער! וואָס קומט דאָ בײַ אײַך פֿאָר?



— וואָס זײַנען מיר כאַזײַרים, וואָס מע גיט אונדז פּאַמאָיעס?!

דערצײלן די שילער דעם לערער וועגן דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען.

געווען איז א שטורמישע פֿאַרזאַמלונג. געווען איז אָפּ דער פֿאַרזאַמלונג אויך כ׳ שליאַמבערג, דער סעקרעטאַר פֿון קאָמיוג־קעמערל.

איטשע קוקט אַפּ יאַטן און שווײַגט. די יאַטן קוקן בײז אָפּ איטשען און שווײַגן אויך.

דער עלטסטער פֿון פּיאָנער־באַזע רעדט:

— מע דאַרף איטשען איבערדערציִען, מע דאַרף איטשען געבן אויך אַן אָנלאָדונג, זאָל ער זיך אויך אַרײַנציִען אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט פֿון שול און פֿון באַזע.

— ווי האַלסטו, איטשע?

ער שווײַגט.

איז א קאָמיסיע אויסגעטײלט געוואָרן אָפּ פֿאַרבעסערן די הײסע פֿרישטיקן אין שול. אין קאָמיסיע איז אַרײַן אויך איטשע.

— ער וועט זען. ער וועט פּרוּװן אַרבעטן.

★ ★ ★

גאָר אָפּט קומט לערער אַראָן געוואָר ווערן, וויאַזוי עס אַרבעטן די שילער אָפּ דער דיסטאַנציע. באַגעגנט מען אים מיט אויסגעשרײען:

— לערער אַראָן, קומט אַהער!

— קומט אַהער, לערער אַראָן!

ווײַזן אים די קינדער פֿאַרשײדענע טײלן. יעדערער וויל אַרויסווײַזן זײַן קענטעניש.

אָט האָט שליאָמע זעלבשטענדיק אויסגעפֿײַלט א קלײנעם וואַליק צום שנעל־קײַט־קעסטל. גאָכעם ווײס גוט עלעקטרע. ער קען פֿאַרריכטן דעם אַקומוליאַטער צו דער מאַסע און אָפּ דער אָנצינדונג. בײלקע די שוואַרצע ווײס אָפּ אויסווײניק דעם גאַנצן פּרינציפּ פֿון דער אַרבעט פֿון א פּירטאַקטנעם באַוועגער—א באַוועגער פֿון אינערלעכער פֿאַרברענונג.

זיי ווייסן עס גוט דערפאר, ווײַל כ׳ קראווטשענקאָ ענטפערט קלאָר אף אלע פראגן, ווײַל ער איז מיט לײַב און לעבן פאר דער בריגאדע און די בריגאדע איז פאר אים.

איז טאקע לערער אראָן צופרידן מיט זײַנע יאטן פון שול, מיט דער בריגאדע אף כ׳ וואָראָשילאָווס נאָמען.

## ארויסגעשלעפט פון בלאָטע

גייט די ארבעט אף דער אכטער דיסטאנציע אין פולן ברען. באלד וועט פארטיק ווערן דער עלפטער קילאָמעטער. איבערן פארטיקן שאָסיי לויפן אום די אווטאָמאָבילן ווי טײַוואָלים. אפן עלפטן קילאָמעטער ארבעט א טראקטער, ברענט דער טראקטער אין באוועגונג דעם שטיינברעקלער, צעברעקלט ער, דער שטיינברעקלער, די גרויסע שטיינער און פארוואנדלט זיי אין קלייניקע שטיינדלעך. קומען ברוקירער, כאפן אונטער די שטיינער און צעלייגן זיי אין א ריי אפן שאָסיי.

אָט שפאַנט דער „דיזעל" מיט זײַנע ברייטע רעדער און גלעט אויס דעם אויסגעלייגטן שאָסיי. פון אונטער אים לייגט זיך א גלאטער וועג—א נײַער שאָסיי.

ברענט די ארבעט דאָ.

איז צום גאראזש צוגעפאָרן פלוצלונג א רײַטער.

— דעם זאווגאר.

— איך!

ווײַזט זיך ארויס, אז נאָענט פונעם 11־טן קילאָמעטער האָט אן אווטאָ־מאשין אין טיפער בלאָטע פארבוקסירט. מע מוז באלדיקע הילף.

איז כ׳ קראווטשענקאָ אוועקגעפאָרן מיט דער בריגאדע. צוויי שטריק מיט זיך פארכאפט.

באם רול—דער כ׳ קראווטשענקאָ. די מאשין גייט אונטער זײַנע הענט פלינק. ווילט זיך איצטער די יאטן אויך אָט אזוי זיצן באם רול, אין די הענט דעם רול האלטן פעסט, די לינקע פוס אפן קאָנוס־פעדאל. די רעכטע אפן אקסעלראטער און די אויגן פאָרויס.

נאָר כ׳ קראווטשענקאָ זאָגט, אז נאָך אביסל צײַט—איר וועט פאָרן.

לויפן פארבײַ פעלדער, וועלדער, טראָגט זיך די מאשין פײַל פון בויגן אהין, ארויסשלעפן דאָרטן פון בלאָטע א מאשין.

אָט איז עס.

פונדערווײַטן זעט מען שוין: א מאשין ליגט אין בלאָטע. בלויז די קאסטן איז פרײַ, קיין רעדער זעט מען ניט.

צוגעפאָרן. יאטן האָבן די שטריק ארויסגעשלעפט, צוגעבונדן און...

איינס־צוויי־דרײַ!

— האָפּ!

די מאשין איז אף דער בריקעניש.

דער שאָפער פון מאַשין קוקט אַפ די יאַטנ און קוועלט:

— אָט, כוואַטסקע יאַטנ!

און כ׳ קראַווטשענקאָ זאָגט:

— פאָר ניט אינ בלאָטע, האַלט די אויגנ אינ די הענט,—וועסטו אויכ זײַנ אַ כוואַט.

ער איז אַוועקגעפאָרנ און מיר זײַנענ אויכ אַוועקגעפאָרנ. אַפ צוריקוועגס האָבנ זיכ די יאַטנ דערוווסט:

כ׳ קראַווטשענקאַ איז אַנ אַלטער פּאַרטיי־מאַנ. ער האָט אינ די אָקטיאַבער־שלאַכטנ אַנ אָנטייל גענומענ, צוזאַמענ מיט גײַענ אַפנ ווײַספּוילישנ פראָנט געווענ, ער האָט איינער אַליינ פאַרכאַפּט אַ ווײַספּוילישנ בראָנעוויק און געבראַכט אים אינעם לאַגער פון דער . .ער אַרמיי.

★ ★ ★

אינ לעניג־ווינקל פונ דער אכטער דיסטאַנציע איז אָוונט־צײַט פריילעכ. אינ לעניג־ווינקל קלײַבט זיכ צונויפ אַלע אָוונט די בריגאַדע. אַפ די ווענט הענגענ דאָ פּלאַקאַטנ, וואָס די בריגאַדע האָט געמאָלט. די פּלאַקאַטנ רופנ פונ די ווענט.

„שלאָגט איבער דער אַנאָנ־מקע״.

„פאַר באַהערשנ די טעכניק״.

„טרעט אַרײַנ אינ דער שלאָג־בריגאַדע״.

„די מאַשינ איז דײַנ וואַרשטאַט—היט די מאַשינ״.

דאָ הענגט די רויטע און שוואַרצע ברעט. דאָ האָבנ יאַטנ זייער ווינקל פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

נאָר אָט איז אויכ כ׳ קראַווטשענקאָ.

— וואָס מאַכט מענ יאַטנ?

— אַ שוואַרצע קאַסע.

דאָ איז געוועסנ ראָזע, יאַנקל מיט נאַכאַמענ און אָפּגעקליבנ דעם צעטל פונ די פּראָהולשטשיקעס, ווײַל יאַטנ האָבנ פאָרגעלייגט און אײַנגעשטעלט זיכ שטאַרק פאַרנ פאָרשלאָג.

— די פּראָהולשטשיקעס דאַרפנ האָבנ זייער שוואַרצע קאַסע אַפ באַקומענ געהאַלט. אַפ דער קאַסע איז געווענ אָנגעשריבנ:

**דאָ באַקומסטו**
**דײַנ געהאַלט,**
**פּראָהולשטשיק!**

— כ׳ קראַוטשענקאָ, — זײַנען די שילער צוגעשטאַנען, — דערציילט אונדז עפּעס פון אײַער לעבן.

ווען מע בעט דעם כ׳ קראַוטשענקאָ שטאַרק, דערציילט ער.

זיצן יאַטן אַרום אים אין אַ קרײַז און הערן, ווײַל כ׳ קראַוטשענקאָ דערציילט אינטערעסאַנטע געשעענישן.

## פאַרכאַפּט אַ בראָנעוויק

— אָט. ס׳איז געווען אַ צײַט, ווען די ווײַספּוילישע כאַיאָלעס האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן אונדזער איצטיקע סאָוועטן־ווײַסרוסלאַנד, האָט מיר דער קאָמאַנדיר אַרויסגעגעבן אַן אויפגאַבע:

— טראָג אָפּ אָט דעם געהיימען פּאַקעט דעם קאָמאַנדיר פון דער נ־סקער ראָטע אויף די פאָדערשטע ליניעס פון פראָנט.

און אַז דער קאָמאַנדיר הייסט, — איז געפאָרן. מײַן מאַשין איז אַן אויסגעפּרוּווטע, כ׳בין זיכער, אַז זי וועט ניט אונטערפירן. איך קאָן זיך אויף איר פאַרלאָזן.

אײַנדערלויפן הערן זיך נאָענטע שאָסן. אײַנדערלויפן פליִען צעבראָקלטע סנאַריאַדן — אָט, אָט זײַנען זיי נעבן מיר, נאָר מײַן מאַשין טראָגט זיך פאָרויס.

געציילטע קילאָמעטערס פאַרבלײַבן ביז דער פאָדערשטער פראָנט־ליניע. נאָר וואָס איז עס ווײַטער? אַ שטיקל סנאַריאַד האָט אין דער הינטערשטער ראָד אָנגעטראָפן, דורך דער שינע — אין קאַמערע און — פּוץ... ניטאָ קיין לופט אין ראָד.

שלעכט. וואָס זשע טוט מען? אַ נײַע קאַמערע אומבײַטן האָב איך ניט, פאָרן ווײַטער אויף דער שינע אַליין איז אוממעגלעך, און דאָ — אַ פראָנט־ליניע: וועסט שטיין אַביסל צײַט אויפן פרײַען פעלד, וועט אַ ווײַספּוילישער סנאַריאַד דיר דעם קאָפּ אַראָפּנעמען.

שלעכט. קוים זיך דערשלעפּט אין אַ דערבײַיִקן וועלדל. פאַרמאַסקירט זיך און גענומען אײַלנדיק אויסטאָן די ראָד. יאָ, אַ לאָך און אַ גרויסע לאָך — אַ גאַנצער פינגער קריכט אַהין אַרײַן. פאַריכטן און אויפסנײַ אָנבלאָזן איז איצט ניט די צײַט, ניט פאַרגעס, אַז דו האָסט אַ פּאַקעט אין קעשענע און עפּשער וועגדט זיך אָן דעם פּאַקעט דער גאַנצער גורל פון דער פראָנט־ליניע פון דער רויטער אַרמיי... ווער ווייס... נו, האָב איך צונויפגענומען מײַנע אַלע אַלטע שמאַטעס, שטרוי געקראָגן, אָנגעשטאָפּט מיט דעם די שינע און — ס׳איז, דוכט זיך, גוט. ווי ניט איז וועל איך זיך דערקלײַבן.

און זיך טאַקע דערקליבן צום קאָמאַנדיר.

מײַן פּאַקעט האָט געהייסן אַזוי:

„טייקעף אָפּטרעטן ביז דער סטאַנציע ב., קעדיי אַלע אײַנייעם אַ שטאַרקן קלאַפּ געבן דעם סוינע“.

ביז וואַנען וואָס דאַרפן מען דאָך פאַריכטן די צעריסענע קאַמערע. האָב איך צו אַ פּויער אין אַ שטאַל די מאַשין אַרײַנגעפירט, אָפּגעגעסן און גענומען זיך צו דער אַרבעט.

און דאָ האָבן זיך טיקעפּ צעטראָגן געהיימע טעלעפאָנאָגראַמעס: „אָפּטרעטן!“.

— אָפּ־טרע־טן!

און די רויטע אַרמיי איז טייקעף אָפּגעטראָטן.

ביזוואַנען איך בין געזעסן און פאַריכט מײַן קאַמערע, זײַנען די ווײַספּוילן אַרײַן אין דאָרף מיט אַ טומל. איך בין געבליבן בא זיי.

— וואָס זשע טוט מען.

דער פויער באַרויִקט מיך. ער הייסט מיר ליגן אין היי און וואַרטן, ביז ס'וועט פינצטער ווערן. נו, ליג איך אין איינע שרעק און וואַרט. דער פויער איז אַרויס, פאַרשלאָסן דעם שטאַל.

מינוטן ציִען זיך לאַנג. אָט הודזשען, דוכט זיך, אַווטאָמאָבילן, אָט לאָזן זיך הערן ווײַספּוילישע אויסגעשרייען:

— פּסיאַ־קרעוו!..

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— נו,—זאָגט כ׳ קראַווטשענקאָ צו אונדז,—וואָס וואָלט איר געטאָן אין אַזאַ לאַגע?

— מיר?... מיר?...

— איך,—זאָגט נויעך;—וואָלט אַ הינטערשטע ברעט פון אַ שטאַל אויסגעבראָכן און אויסגעצויגן, ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

— און איך... — שלאָגט אים איבער ראָזע — איך וואָלט פאַר שרעק גע־גע־גע־שטאָרבן...

— כאַ־כאַ־כאַ...

לאַכן די יאַטן פריילעך.

— וואָס זשע האָט איר געטאָן, כ׳ קראַווטשענקאָ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— איך,—האָט פאָרגעזעצט כ׳ קראַווטשענקאָ, — האָב צוגעוואַרט ביז ס'איז גוט פינצטער געוואָרן. דער פויער איז צו מיר אַרײַן.

— נו?

— זיי שלאָפן, ווי געהאַרגעטע—שיקורים.

גוט, טראַכט, איך, די בעסטע צײַט.

איך רוק זיך קאַלטבלוטיק אַרויס פון שטאַל. אפן הויף—צוויי בראָנעוויקעס. אַ בליץ־געדאַנק איז מיר טייקעף אײַנגעפאַלן:

— אליין אויסציִען לוינט ניט. אָט אַזאַ בראָנעוויק וועט געוויס צונוץ קומען דער רויטער אַרמיי.

שטיל האָב איך אַרויסגעפירט מײַן מאַשין פון שטאַל, צוגעבונדן זי צום נאָענטן בראָנעוויק. ס'איז שטיל, קיינער הערט ניט, אפילו דעם וועכטער איז טויט־שלעפע־ריק. בין איך אַרײַן אין בראָנעוויק, אַלץ איז אין אָרדענונג. אפילו דער שליסל איז דאָ. אַ פּרווו דעם סטאַרטער—ער אַרבעט.

— זײַ געזונט, פויער, מיר וועלן זיך נאָך זען!

די נאַכט איז שטאַרק פינצטער. איך צינד אָן די פאַרן און פאָר. דער וועכטער פאַרשטעלט דעם וועג.

— שטעל אָפּ!

א שאָס פון מײַן בראַונינג האָט אופגעהויבן דעם דאָרף אף די פיס. ביקסן־קוילן אפן בראָנעוויק. נאָר איך לאַך פון זיי: מיט קיין ביקסן־קויל וועסטו דעם בראָן ניט דורכשיסן.

וועגן געבראָכענע, גריבער,—גאָר איך פלי... אָט איז א טיפע קאנאווע, דוכט זיך... א שטארקערן קוועטש דעם אקסעלעראטער—האָפ! דו ביסט אין די הענט פון דער רויטער ארמיי!

— גוט!



א שאָס פון מײַן בראַונינג האָט אופגעהויבן דעם דאָרף אף די פיס...

אזוי האָב איך געבראַכט א בראָנעוויק דער רויטער ארמיי. עמעס, מײַנע קליינע אווטאָמאשין האָבן די ביקסן־קוילן צעלעכערט, נאָר זי איז אויך מיט מיר. איך וועל זיך אן אייצע געבן, און זי וועט ווײַטער פאָרן.

— פאר דעם,—האָט כ' קראַווטשענקאָ פארענדיקט,—האָב איך באקומען פון כ' גײַ א מאטאָנע—א זילבערנעם זייגער.

# איטשען כאָלעמט זיך

אין שול איז הײַנט א שושקערײַ.

די זעלבסטפארוואלטונג האָט געהייסן און אזוי איז געטאָן געוואָרן:

„אראָפנעמען איטשען פון דער שווארצער ברעט און אריבערגעטראָגן אף דער רויטער".

ווײַל איטשע האָט אָנגעהויבן אויסזען גאנץ אנדערש. די אויגן האָבן אפילע אן אנדער גלאנץ באקומען. איטשע איז א געזעלשאפטלעכער טוער. איטשע האָט אָנגע־הויבן פארשטיין, אז אויב ער—וועט אליין העלפן, וועט אויך זײַן בעסער: וועלן גוטע פרישטיקן זײַן אין שול. וועלן זײַן אלע נייטיקע לערן־מאכשירים, וועלן זיי זיך קענען לערנען און ארבעטן.

נאָר איידער דעם, איז פאָרגעקומען אזא זאך:

די פאַרזאַמלונג אַפּ דער דיסטאַנציע האָט זיכ געצויגנ ביז שפּעט אינ דער נאַכט. נאָכ דער פאַרזאַמלונג זײַנענ אַרויסגעטראָטנ די בריגאַדירנ מיט אַנ אַגיטקע.

שאַרפּ האָבנ זיי דורכגענומענ די פּראָהולשטשיקעס, די שעדיקער. אינ זייער אַליינגעשאַפענער אַגיטקע האָבנ זיי באַוויזנ אַלע די, וואָס באַציִענ זיכ אַזוי שלעכט צו דער טעכניק. געדופנ פאַרווירקלעכנ כ׳ סטאַלינס אָנווײַזונגענ אונ דערהויפּט קעמפנ קעגנ דער אַנאָנימקע.

יאַטנ ווייסנ, זיי האָבנ זיכ איבערצײַגט, אַז די אַנאָנימקע שטערט דער דיסטאַנציע אויסצופילנ דעם פּלאַנ אירנ.

ווײַל כ׳ סטאַלינ האָט געזאָגט:

„אַנאָנימקע איז דאָס פעלנ פונ יעטווידער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער אָנ־געטרויטער אַרבעט, דאָס פעלנ פונ פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר די מעכאַניזמענ, פאַר די ווערקשטעלנ, פאַר די אינסטרומענטנ״ (סטאַלינ).

דאַרפנ מיר פירנ מיט דעמ א קאַמפּ. צו אָט דעמ קאַמפּ האָבנ גערופנ די שילער אינ זייער אַגיטקע.

אַהיימ איז מענ זיכ צעגאַנגענ גאָר שפּעט באַנאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונ אַז איטשע איז אַהיימ געקומענ, האָט די מאַמע אַפּ אימ געוואַרט, קעדיי די טיר צושפּאַרנ.

— ווו ביסטו עס געוועזנ אַזוי שפּעט? — האָט זי אימ באַגעגנט מיט א זויערער מינע.

— אַפּ א פאַרזאַמלונג!

— אַזוי שפּעט?

— יאָ!

נאָר פאַרוואָס שפּילענ זיכ אימ הײַנט די קנעפּלעכ ניט אָפּ? עפּשער דערפאַר וואָס ער איז אומרויִק, וואָס די יאַטנ האָבנ אימ אינ דער אַרויסטרעטונג ניט אַרײַנ־גענומענ, נאָר דורכגענומענ אינ דער אַגיטקע? עפּשער איז טאַקע דער טאַטע ניט גערעכט? ער רײַסט זיי מיט געוואַלד, די קנעפּלעכ, ער וויל שוינ אַפּגיכ אַנשלאָפנ ווערנ, קעדיי פאַרגעסנ אָנ אַלצ.

— מאַמע, ניט פאַרגעס מיכ אויפוועקנ מאָרגנ אינ שול אַרײַנ.

— גוט, שלאָפ שוינ!

אונ ער שלאָפט.

נאָר וואָס איז עס ווידער?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוויי באַלעגופים שטייענ לעבנ אימ, בא איינעמ א מעסער אינ האַנט. קומ. אונ זיי נעמענ אימ אָנ ביידע פאַר די הענט אונ זיי פירנ אימ. ניט זיי פירנ אימ, נאָר זיי פליִענ מיט אימ אינדערלופטנ. אָט איז א ברייטע פעלד אונ אַפנ פעלד שטייט א שײַער. גיבנ זיי אימ, די באַלעגופימ, שוועבעלעכ אונ קעראָסינ אונ זאָגנ:

— גיי, יאַט, צינד אונטער דעם שײַער. דאָרטנ ליגט קאָלווירטישער קאָרנ.
אונ איטשע גייט, נימ ער גייט, נאָר ער לויפט. אָט האָט זיך דער שײַער צעפלאַ־
קערט מיט פײַער־צונגענ אינ הימל ארײַנ... פאזשאר... ראטעוועט... באַלעגופישע
ארבעט... כאַפּנ זיי אים ווידער אָנ, די באַלעגופישע הענט, — אונ ווארפנ אים אינ
פײַער ארײַנ. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מאמע!

ער קעוט זיך איבער אפנ צווייטנ זײַט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס עפנט זי די טיר—אונ אפנ שוועל נאָכעמ. פלינק לאָזט ער זיך צו אימ:

— דו האָסט אונדז הײַנט מיעס באַליידיקט. ביסט א פײַנט דער סאָוועטישער שול.
צוויי הענט כאַפּנ אים פארנ האלדז ארומ אונ ווערגנ — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אײַ!

ער קערט זיך איבער אפנ צווייטנ זײַט.

א גאנצע נאכט האָבנ אים מאָדנע כאַלומעס שלאָפּנ ניט געלאָזט, א גאנצע נאכט
האָט זיך איטשע געוואָרפּנ פונ איינ זײַט אפנ צווייטנ, ביז ער האָט דערלעבט דעם
פארטאָג.

אונ אז דער פארטאָג איז געקומענ, האָט ער זיך אָנגעטאָנ אונ אינ שול אוועק.
קוקנ יאטנ אפ איטשענ. איטשע איז אקטיוו געוואָרנ, א גוטער בריגאדיר. עס
איז דערפאר, ווײַל אפ זײַנע פלייצעס ליגט אזא וויכטיקע אָנלאָדונג. מע מוז זי
אויספילנ.

פילט איטשע אויס ערנסט זײַנ אָנלאָדונג.

דערפאר טאקע שטייט ער הײַנט אפ דער רויטער ברעט.

## אשקע באַקומט אַנ אויסרייד

שפעט נאָכ יענער פארזאַמלונג איז אויכ געקומענ אהיימ יאשקע. די שטוב־ברי־
גאדע איז שוינ געשלאָפנ—איז ער אויכ גלײַכ אײַנגעשלאָפנ.

אפמאָרגנ, ווענ יאשקע איז אהיימ געקומענ, האָט ער געפאקט אפנ וואנט פונ
שטוב אזא מעלדונג:

הײַנט, 5 אזייגער, ווערט פאָרקומענ א זיצונג פונ דער שטוב־ברי־
גאדע, אפ וועלכער עס דארפנ בײַזײַנ—דער טאטע, די מאמע, סאָניע,
יאשקע, די באָבע אונ איכ.

קלײַבט זיך צונויפ צו דער צײַט—עס שטייט א וויכטיקע פראגע.

פאָרזיצער פונ בריגאדע—אליק דער אָקטיאבערל.

זײַנען צו 5 אזייגער אלע געווען גרייט.

— זעצט זיך, כאווײרים, אפ די ערטער, — האָט אליק צו אָרדענונג אלעמען גע־
רופֿן. — מיר הייבן אָן די זיצונג.

האָבן זיך אלע צעזעצט.

— אָט וואָס, כאווײרים, הײַנט שטייט בא אונדז די פראגע וועגן יאשקען. דו,
טאטע, וועסט איצט נעמען א וואָרט, נאָר איך וויל זאָגן, אז יאשקע האָט מיטן נעכ־
טיקן קומען שפעט אהיים, ערשטנס, ניט אָפגעהיט די פּיאָנערישע געבאָטן און,
צווייטנס, אונטערגעריסן דער מאמעס לימודים. די מאמע ליקווידירט דאָך איר אמע־
ראצעס. טאטע, רייד.

איז ארויסגעטראָטן דער טאטע.

באם טאטן אפן קאָפּ, ווארפן זיך שוין דורך גרויע האָר. די פארגייענדיקע זון
דורכט אירע שטראלן דורכן פענצטער. און אין שטוב האלט די שטוב־בריגאדע איר
זיצונג.

און דער טאטע רעדט.

— קינדער, און באזונדערס דו יאשקע, ביסט א יאט אן אקטיוויסט, אָבער צי
קען מען זיך אזוי פירן, קומען צוויי אזייגער אהיים? אויב דו ביסט איבערגעלאָדן
אין שול, קום צוגיין אפ דער בריגאדע, דערצייל, מיר וועלן דיר העלפן. מיר וועלן
ווירקן דורכן פארטייִשן קעמערל. אויב דו האָסט נעכטן אונטערגעריסן דער מאמעס
לימודים, איז פון דײַן זײַט א פעלער. אזוי פאסט ניט פאר א פּיאָנער. זאָל דיך די
בריגאדע פארורטיילן.

— ער רײַסט אונטער אונדזער סאָצגעוועט, — האָט איבערגעשלאָגן דעם טאטן
סאָניע.

— ריכטיק! — האָט אונטערגעהאלטן אליק. — מיר וועלן דיך, ברודערקע, שטעלן
אפ דער שווארצער ברעט.

— גיב א וואָרט, אליק.

— רייד.

האָט יאשקע גערעדט און דערציילט, אז דאָס האָט זיך נאָר איינמאָל געטראָפן,
וואָס ער איז ארויסגעטראָטן מיט זײַן בריגאדע אפ א פארזאמלונג פון די ארבעטער.
די ארבעטער האָבן זיי גוט אופגענומען. די ארבעטער זײַנען צופרידן מיט יאשקעס
בריגאדע.

— אָבער אזוי שפעט?

— כאווײרים, רויִק! — האָט העכער פון אלעמען געשריִען אליק. — איך
האלט, אז דאָס איז ניט קיין וויכטיקער מאָטיוו. איך לייג פאָר...

— רייד, רייד!

— איבערגעבן דעם טאטן אויספאָרשן דעם איניען אין שול, זען, אז מער זאָלן
זיך אזוינע זאכן ניט איבערכאזערן. יאשקען פאר אונטערײַסן דער מאמעס נעכטיקן
לימעד — אן אויסרייד. ווער וויל זיך נאָך ארויסזאָגן?

— איך! איך! — האָט סאָניע געבעטן א וואָרט.

— גו, רייד.

— דורכנעמען אין דער שטוביקער וואנט־צײַטונג און שטעלן יאשקען אפ דער שוואַרצער ברעט.

— ווער איז פאַרן פאָרשלאָג?

עס שטימען אַלע, נאָר די באָבע האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

— באָבע, נו, און דו?—האָט זיך צו דער אַלטער באָבען געווענדעט אַליק.—ביסט אפשער קעגן?

— ניין, ניין, איך וויל זאָגן, אַז... אַז...

— רייד, רייד, באָבע. מירן נאָך אפשער אָננעמען דײַן פאָרשלאָג אויך.

— מע האָט אים געדאַרפט אָפּשמײַסן דערפאַר.

און אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. אפילע יאשקע אויך.

★ ★ ★

דער טאַטע האָט טאַקע געווירקט דורכן פּאַרטײַישן קעמערל און דאָס פּאַרטײַישע קעמערל האָט זיך גענומען אַרײַנמישן אין דער אַרבעט פון שול, אין דער אַרבעט פון דער פּיאָנער־באַזע.

זײַנען טעג געגאַנגען. די מאַמע קאָן שוין באַלד לייענען און שרײַבן. אַזעלכע פאַלן, ווי דעמאָלט, כאַזערן זיך שוין מער נים איבער.

# צווייי לימודים

צי ווייסן דען די יאטן, ווי עס איז איבערגעגעבן צו דער שול דער לערער אַראָן.

אָט האָט לערער אַראָן צוגעגרייט פּלאַקאַטן פון אַן אווטאָמאָביל, קעדיי די קינדער זאָל גרינגער זײַן אַרײַנצודרינגען אינעם האַרצן פון אווטאָמאָבילישן באַוועגער, פּלאַקאַטן, וועלכעריידן:

„ווו זאָלסטו אויסשמירן מיט אייל מײַנע טיילן“.

„קוק, ווי דאָס וואַסער צעגייט זיך אין קילער אָפּ די ווענטלעך פון די צילינדערס“

„קוק, ווי עס רײַסט זיך אין מיר אויף דער בענזין־דאַמפּ“.

„לערן אויס די מאַגנעטאָ, דעם קאַרביוראַטער, דאָס שנעלקײַט־קעסטל, דעם דיפערענציאַל“.

— ווו האָט איר עס געקראָגן, לערער אַראָן?

געווען אין אווטאָדאָר, געקראָגן ליטעראַטור פאַר אײַך, אָט זעט!

לערער אַראָן ווײַזט זיי ביכער וועגן אווטאָמאָבילן.

— יאָ, קינדער, איך האָב מיט אײַך אַ וויכטיקן לימעד.

— אַ לימעד, צי אַ שמועס?

— ווי איר ווילט, קאָנט איר עס אָנרופן.

האָבן זיי זיך צעזעצט ווער ווו, אַלע ווילן זיצן נאָענט צום לערער אַראָן, קעדיי הערן, וואָס וועט לערער אַראָן זאָגן.

— נו, לערער אַראָן!

קוקט דער לערער אראָנ אפ די יאטנ אונ שמייכלט. קוקנ יאטנ אויכ אפ דעמ לערער אראָנ אונ שמייכלענ.

— כ׳הער פונ אײַכ שלעכטע נײַס.

— נו?!

— יאָ!

— ס׳קענ ניט זײַנ!

— ערשטנס, איר באגייט זיכ שלעכט מיט איטשענ. קענ מענ דענ אזוי אָפּשמויסנ א יאט פונ דער ארבעט? איר האלט אימ פאר דעמ לעצטנ. ריכטיק?

— ריכטיק!

— ער דארפ זײַנ גלײַכ מיט אלעמענ. ער דארפ זיכ לערנענ. ארבעטנ גלײַכ מיט אלעמענ. מע דארפ אפ אימ ווירקנ פּיאָנעריש. איטשענ קענ מענ איבערדערציִענ אונ דאָס ווענדעט זיכ אָנ אײַכ אויכ.

— נעמ דאָס אינ אכט, יאשקע.

— איצט נאָכ עפּעס, — דער לערער האָט זיכ אופגעשטעלט, זײַנ פּאָנעמ איז געוואָרנ שטרענגער, — א טייל שילער באציִענ זיכ נאכלעסיק צו דער ארבעט.

— נו?

— אָט, איכ האָב אליינ געזענ, ווי יאנקל האָט זיכ אָנגעטשעפּעט אפ אנ אווטאָמאָביל אונ זיכ... געקאטײַעט.

האָבנ זיכ אלע פארקוקט אפ יאנקלענ. יאנקל האָט דעמ קאָפּ אראָפּגעלאָזנ.

— מיר דארפנ דאָס פארורטיילנ. אזוי פירט זיכ ניט א פּיאָנער. עפּשער ווייסט איר פונ נאָכ אזעלכע פאלנ?

— יאָ, לערער!

מע מוז, הייסט עס, קעמפנ מיט דעמ, וואָס יאטנ רופנ אָנ „קאטאיאנקע".

האָט די בריגאדע באשטימט טייקעפ אפנ אָרט:

— פאר אזא אופירונג — אפ דער שווארצער ברעט פונ דער אכטער דיסטאנציע.

★ ★ ★

ווידער איז הײַנט א לימעד אינ שול מיטנ כאווער קראווטשענקאָ.

גריבלענ זיכ יאטנ אינ די געמעלנ אונ פארשרײַבנ צו זיכ אינ די העפטנ ארײַנ.

שווער געווענ זי׳ ערשטע צײַט באנעמענ די שווערע ווערטער, שווער געווענ, חײַל מע האָט עס ניט געזענ מיט די אויגנ. איצט זעענ יאטנ מיט די אויגנ אונ כ׳ קראווטשענקאָ דערקלערט:

— אָט האָט איר דעמ קאָלבענ, ער זעט אויס ווי א גלאָז, אינעווייניק פארריניקט ער זיכ מיטנ שקוואָרענ, דער שקוואָרענ — מיטנ קני־וואל, דער קני־וואל גיט איבער די באוועגונג אפנ שוווּנג־ראָד, פונ דאָרטנ — אפנ שנעלקײַט־קעסטל, אפנ דיפערענציאל אונ אפ די הינטערשטע רעדער.

יאטנ שוויצנ אפ די אויסרעכענונגענ. אָבער דער לערער אראָנ איז אויכ דאָ. דער לערער אראָנ העלפט.

— אויב דער באַוועגער וועט מאַכן 2800 אומדרייען אין אַ סעקונדע, וויפל אומדרייען וועלן מאַכן די הינטערשטע רעדער?

— אנו, רעכנט אויס.

באַם לערער־טישל זיצט ער — דער כ׳ קראַוטשענקאָ און דערקלערט, קעדיי די יאַטן זאָל זײַן פאַרשטענדלעך, קעדיי יאַטן זאָלן קענען גוט אויסלערנען דעם מאָטאָר.

לערנען מאַכע די יאַטן דעם מאָטאָר מיט גרויס ליבשאַפט צום כ׳ קראַוטשענקאָ און צו זייער גוטן לערער אַראָן.

ווײַל אָט, נאָך אַביסל צײַט — און זיי וועלן פּרוּוון זייערע קויכעס באַם רול, באַם רול פון סאָוועטישן אויטאָמאָביל.



...אַם דער שנעלקײַט־קעסטל, אַפן דיפערענציאַל און אַף די הינטערשטע רעדער.

## באַם רול פון סאָוועטישן „פערד"

געציילטע טעג זײַנען פאַרבליבן ביז דער סאָוועטישער „פערד" וועט פאַרטיק ווערן. געציילטע טעג ביז יענעם מאָמענט, ווען יאַטן וועלן פּרוּוון זיך זעצן באַם רול, אַ קוועטש טאָן די פּעדאַלן און רירן פון אָרט דעם אויטאָמאָביל.

ווי דערלעבט מען עס?

די אַכטע דיסטאַנציע איז געוואָרן זייער אַרבעט־אָרט. דער לעניג־ווינקל — דער אָרט אַף פירן די לימודים, אַף צוגרייטן די לימודים.

יאַטן זײַנען איצט באַקאַנט מיטן האַרצן פונעם באַוועגער.

מייער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן מאַכן אַ מאָדעל פון אַן אויטאָמאָביל און כאַווער קראַוטשענקאָ קומט אים צוהילף.

ווען די בריגאַדירן גייען אין גאַס, ווען עס לויפן פאַרבײַ מאַשינעס, קוקן זיי נאָך יעדער באַוועגונג זייערע, צי פאָרן זיי ריכטיק, — זיי ווייסן דאָך שוין גוט די גאַסן־באַוועגונג.

און ווען עס לויפט דורך אַ מאַשין, שאַצן די יאַטן:

— „ביויק".

— ניין, „פּאַקאַרד".

— זע נאָר, אָן פאָרט „מערסידעס".

— און אָן שטייט אַ „פיאַט".

— פונקט, ווי אנ „אמאָ".

— טו א קוק, אָנ פליט א „פאָרד־לימוזינ".

— „יאפיאטס".

— ניינ, א יאשקע [1]).

פונ ערגעצ האָט כ׳ קראווטשענקאָ א הילצערנעמ אווטאָמאָביל געקראָגנ פאר די יאטנ, אָנגערופנ האָט ער עס „טרינאזשאָר".

— קומט יאטנ, — האָט ער צוגערופנ דער בריגאדע. — מאָרגנ גייט ארויס די מאַשינ פונ רעמאָנט, איצט וועלנ מיר זיכ טרינאזשירנ, קעדיי איר זאָלט קענענ מאָרגנ פרווונ זיכ אפ דעמ לעבעדיקנ אווטאָמאָביל, וועלכנ איר האָט געהאָלפנ ראָמאָנטירנ.

— אכ!

האָט מענ זיכ מיט פרייד גענומענ גרייטנ. אפנ פעלד שטייט ער — דער הילצערנער טרינאזשאָר. לעבנ אימ די גאנצע בריגאדע.

כ׳ קראווטשענקאָ קאָמאנדעוועט:

— ריר זיכ פונ אָרט! אזוי. לאָז אָפ דעמ פעדאל. האלט די אויגנ פאָרויס.

— שטעל אָפ!

— ערשטע גיכקייט!

— צווייטע גיכקייט!

— טאָרמאָז!

— ווייניקער גאז!

זײַנענ דורכ אלע יאטנ, ווייסנ איצט די יאטנ, אז דאָ מוז מענ א מעכאנישע פונ ארבעט. אָבער... לאָמיר זיכ נאָר פרווונ זעצנ אפ א לעבעדיקנ, וועט איר זענ.

— מירנ דערלעבנ.

— מאָרגנ געוויס.

ניט אזוי גיכ האָט זיכ געוואָלט אוועקגיינ פונעמ הילצערנעמ טרינאזשאָר, נאָכאמאָל פרווונ אונ נאָכאמאָל פרווונ. ס׳וועט גיינ!

אונ ווענ יאטנ גייענ אהיימ, זײַנענ זייערע געדאנקענ פול מיט מאשינעס, מיט — טעכניק. אונ פראגנ פונ אלע זייטנ שיטנ זיכ, אונ יאטנ ענטפערנ:

— ווענ דער ערשטער קאָלבענ וועט גיינ אינדערהויכ, וווהינ וועט גיינ דער טערטער?

— אויכ אינדערהויכ.

— אויב אינ ערשטנ צילינדער וועט זײַנ צונויפפרעסונג־טאקט, וואָס וועט זײַנ אינ 3־טנ, בא דער ארבעט־פארטיילונג פונ 1243?

— ארויסגאנג־טאקט.

— ריכטיק!

---

[1]) יאשקעס—רופנ די שאָפערס די אווטאָמאָבילנ פונ יאראָסלאווער זאוואָד. אפ רוסיש—Я-5.

★ ★ ★

קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן. און דער טאָג האָט זיך הײַנט אויסגעלייגט מיט א זונ א ווארעמער. גיטאָ שוינ מער קיינ שנייען אפנ פעלד, נאָר די ערד איז שוינ ווייך.

זײַנען יאטנ געקומען, זײַנען יאטנ גרייט דעם ערשטנ פרווו צו מאכנ.

ס'איז אנ ארויסגאנג־טאָג אפ דער אכטער דיסטאנציע. זײַנען דאָ יאטנ שאָפערס, און אלע באגעגענען איצט די בריגאדע מיט פריילעכע אויסגעשרייען:

— יאטנ, פאָרנ מיר הײַנט?

— א פראגע?

— אָט וועלנ מיר זענ, ווי אונדזערע בריגאדירנ וועלנ האלטנ דעם רול אינ חאנט.

דער אויסגערעמאָנטירטער „פּאָרד" איז אויסגעוואשנ, אויסגעפוצט, —טאפנ אימ די יאטנ פונ אלע זײַטנ. קלאפנ מיט די פיס, צי איז גענוג דאָ לופט אינ דער פאָדערשטער ראָד, עפשער אָנבלאָזנ נאָך אביסל.

נאָר אָט איז כ' קראווטשענקאָ.

— זעצט אײַך, יאטנ, מיר פאָרנ.

אלע האָבנ זיך א לאָז געטאָנ פארכאפנ ערטער אינ קוזאָוו. אלע וואָלטנ וועלנ זיצנ איצט אינ קאבינקע לעבנ כ' קראווטשענקאָ.

מירנ פאָרנ. מירנ פאָרנ הינ און צוריק איבערנ גלאטנ אויסגעפארטיקטנ שאָסיי. יאשקע וועט ד'ער ערשטער זיך זעצנ באם רול.

דאָס הארצ קלאפט צו האסטיק און כ' קראווטשענקאָ בארויִקט אים:

— קאלטבלוטיקײַט, ניט שרעקנ זיך!

די פיס טאפנ אָנ דעם קאָנוס־פעדאל אינדערנידער. אויסגעקוועטשט. שטעל אוועק די גיכקײַט. איצט לאָז אָפּ פאמעלעך דעם קאָנוס.

דער אווטאָמאָביל רירט זיך פונ אָרט.

— דערלאנג גאז! צווייטע גיכקײַט! דריטע!

— האלט די אויגנ אינ די הענט!

— קאלטבלוטיקײַט!

— קוקס, יאטנ, אפנ ספידאָמעטער!

— 30.

— 40.

— 45.

— שטעל אָפּ!

די פוס אפנ טאָרמאָז, לאנגזאם שטעלט זיך אָפּ דער אווטאָמאָביל.

— ווער גייט דער צווייטער?

— איטשע!

— אהער!

און יאשקע בריגאדיר זיצט שוינ אינ קוזאָוו צווישנ זײַנע בריגאדירנ.

— נו?

— גוט?

— נאָך אַ מין!

אַהיים איז מען געקומען מיט פרייד־אויסגעשרייען:

— טאַמינקעס—טאַטינקעס!

— געפירט הײַנט אַליין דעם אויטאָמאָביל.

— און געפאָרן ווײַט, ווײַט.

און אין שול איז מען אויך געקומען מיט פרייד־געשרייען:

— לערער אַראָן, אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען!

— און ניט נאָר געפאָרן, נאָר דעם מאָטאָר אַפילו אויסגעלערנט.

— אָהאָ־האָ!

קוקט דער לערער אַראָן אויף די יאַטן און קוועלט, און די יאַטן קוקן אויף לערער און קוועלן.

— לערער אַראָן, מיר האָבן אַ גרויסע דערגרייכונג.

— איך האָב אויך אין דעם אַ חלק, לערער אַראָן.

# אַ דורכרײַס! אַ דורכרײַס!

פּלוצים איז אָנגעקומען אַן אומדערוואַרטע ידיעה. אויף דער אַכטער דיסטאַנציע איז אַ דורכרײַס.

פאַר פעברואַר חודש—ניט דערגעבן דער מעלוכע פיר קילאָמעטער פאַרטיקן שאָסיי.

— דורכרײַס!

קלינגט עס אין יעדן אויער פון יעדן בריגאַדיר, ווי אַ גלאָק. האָבן זיך די יונגע בריגאַדירן צונויפגעזאַמלט און באַשטימט:

— מיר מוזן עפּעס טאָן, קעדיי העלפן ליקווידירן דעם דורכרײַס.

— אַן אַגיטאַציע.

— אויסגעפינען די שולדיקע.

האָבן זיך יאַטן צעזעצט שרײַבן פּלאַקאַטן און אין אַ פּאָר שאָ אַרום האָבן איבער אַלע ווענט פון דיסטאַנציע אַראָפּגעקוקט פּלאַקאַטן, וועלכע האָבן גערופן און געפאָדערט:

— אַרבעטער, שאָפער, ליקווידיר דעם דורכרײַס!

— פאַרגעדענק, האָסט ניט דערגעבן דער מעלוכע פיר קילאָמעטער פאַרטיקן שאָסיי!

— טרעט אַרײַן אין אַ שלאָג־בריגאַדע!

— איבער די הענט די באַרײַסער, אומפליער, פּוסטעפּאַסניקעס, שיקורים!

און יאַטן האָבן זיך גענומען אַרויסלאָזן אַ וואַנט־צײַטונג פאַר ליקווידירן דעם דורכרײַס. שאָלעם האָט אַ ליד געשאַפן פאַר דער וואַנט־צײַטונג. יאַשע האָט אַן אַרטיקל אָנגעשריבן, וואָס האָט גערופן אַלע אַרבעטער, אַלע שאָפערס זיך מאָביליזירן אויף ליקווידירן דעם דורכרײַס.

און דאָס פּאַרטייִשע קעמערל קומט צו גיין און קוקט און לויבט די יאַטן. און דאָס פּאַרטייִשע קעמערל זאָגט וואָס צו טאָן. און יאַטן טוען מיט גרויס כיישעק.

★ ★ ★

דאָ ניט לאַנג איז געווען אַזאַ צופאַל:

געווען אַ שאָ פאַרן ענדיקן די אַרבעט, איז יאַשע אַוועק מיט יאַנקלען אַזוי זיך דורכריידן און שמועסן וועגן וייַטערדיקע אַרבעטן, וועגן דעם, אַז מיר—די ברי־גאַדע—טאָרן ניט אַוועקגיין פון דער דיסטאַנציע קיינמאָל ניט, און ווען מירן ענדיקן די שול—אויך דאָ אַרבעטן און וויַיטער לערנען זיך.

ניט באַמערקט זיַינען זיי אָפּגעגאַנגען עטלעכע קילאָמעטער און—פאַרבייַ אַ וואַלד.

— טו אַ קוק, יאַשקע, — האָט זיך געווענדעט יאַנקל, — זע נאָר פּאַרן [1]) אויטאָ־מאָבילישע.

— קום צו.

זיַינען זיי צוגעגאַנגען.

אַן אויטאָ־מאַשין איז געשטאַנען אין וואַלד אַליין, ניטאָ קיין מענטשן, קיינער ניטאָ.

— זע נאָר, און וווּ איז דער שאָפער?

— אַהו־אָו!

קיינער ענטפערט ניט.

האָבן זיי זיך אומגעקוקט אין אַלע זייַטן און דערזען:

נעבן אַ ביים זיַינען טויט־שיקער געלעגן צוויי שאָפערס. איינער פון זיי — דער שאָפער גלאָבוש. פלעשער פון בראַנפן וואַלגערן זיך לעבן זייערע פיס.

— כאַווער!

ער הייבט זיך ניט.

— צייַט צו פאָרן!

מע שווייַגט.

האָבן זיי גענומען זיי, טרייסלען. יאַשע—פון איין זייַט יאַנקל—פון דער צווייטער.

עס העלפט ניט!

— וואָס זשע טוט מען?

— ווייסטו וואָס, יאַנקל, לאָמיר זיי אַליין אַוועקפירן אין גאַראַזש!

— ווייַז!

אָנגענומען פאַר די פיס, פאַרן אַקסל איינעם, דעם צווייטן און — אין קוזאָוו אַריַין צווישן די אָנגעלאָדענע שטיינער.

יאַשע באַט רול. ער פּרוּווט דעם סטאַרטער—פאַראַן.

— פאָרזיכטיק, יאַשע!

— האָב ניט מוירע!

און אַוועקגעפירט זיי אין גאַראַזש.

---

[1]) פאַרן—אויטאָמאָביל־לאַסטערנס.

זײַנען אינ גאראזש שוינ מאשינעס געשטאנענ צום רוענ נאָכ דער טאָגיקער אר־בעט, זײַנען יאטנ געשטאנענ אונ געווארט: די שאָפערס—אפ דער לעצטער מאשינ, די בריגאדע—אפ זייער עלטסטנ בריגאדיר.

— שאט, אָנ פאָרט א מאשינ.

זע נאָר, ווער זיצט עס באם רול.

— יאטנ, טוט א קוק: יאשקע, דער עלטסטער בריגאדיר, פירט די מאשינ.

פונקט צום גאראזש צוגעפאָרנ, אָפגעשטעלט די מאשינ. שאָפערס, בריגאדירנ—אלע קלײַבנ זיכ ארום די געקומענע צוויי יאטנ.

אָט גייט כ׳ קראווטשענקאָ.

— ווו איז דער שאָפער?

— ער ליגט א שיקערער אינ קוזאָוו,[1]—האָט יאנקל אָנגעוויזנ אפנ קוזאָוו.

אלעמענס אויגנ אינ קוזאָוו. צווישנ צוויי גרויסע שטיינער ליגנ זיי.

יאשקע דערציילט, אזוי אונ אזוי, מיר האָבנ זיי גיט ווילנדיק געפונענ שוינ טויט־שיקערע.

— אָט, ווער ס׳איז שולדיק אינ דורכרײַס?

— ריכטיק!

אונ אלע שמועסנ איצט וועגנ דער העלדישער בריגאדע.

★ ★ ★

אינ די שאבעסניקעס אפ ליקווידירנ דעם דורכרײַס האָבנ זיכ באטייליקט די בריגאדירנ. דער לערער אראָנ איז געקומענ העלפנ. אינ רו־טאָג איז די גאנצע שול ארויס אפנ שאבעסניק.

— ליק־ווי־דירט!

קלינגט דאָס וואָרט איצט ווי מוזיק:

— געהאָלפנ ליק־ווי־די־רנ!

אונ יאטנ זינגענ אונ בריגאדירנ טאנצנ צווישנ אלע שאָפערס. —

— ליק־ווי־דירט!

אונ שאָפערס קוקנ שוינ ערנסט, שאָפערס ריידנ שוינ איצט אויכ אנדערש:

— אָהאָ, אונדזערע בריגאדירנ!

— עמעסע יאטנ!

— איינער פאר צענ.

— זיי וועלנ העלפנ ארויסשלעפנ פונ דער ערגסטער בלאָטע.

— זיי וועלנ זײַנ גוטע שאָפערס.

[1] קוזאָוו—דער קאָרפוס פונ אווטאָטאָביל.

# בריגאַדירנ פונ פינפיאָר

ס'איז דער יאָנטעוו ערשטער מײַ.

היײַנט, צום יאָנטעוו זײַנעג יאטנ גרייט. עס זײַנעג גרייט די ארבעטער פונ דער אכטער דיסטאנציע, די שול, דער אונטערשעפּישער קאָלווירט, דער אונטערשעפּישער פּאָלק; אלע עלטערנ זײַנענ גרייט צום אינטערנאציאָנאלנ יאָנטעוו—צום ערשטנ מײַ.

קומענ די בריגאַדירנ מיט דערגרייכונגענ, קומט איצט די אכטע דיסטאנציע שוינ מיט אנ איבערגעשטיגענעם פּראָמפינפּלאנ פאר דער סאָציאַליסטישער בויונג.

דער אָוונט איז א פײַערלעכער עלעקטרישע לעמפּלעך באלײַכטנ דעם גרויסנ זאל פונ אלע זײַטנ, פּלאקאטנ רופנ שלאָגנ זיך פאר טעכניק, פארנ פּראָמפינפּלאנ, פארנ צווייטנ פינפיאָר.



... דער אָוונט איז א פײַערלעכער...

אלעמענס פּנעמער זעענ היײַנט אויס יאָנטעוודיק, פײַערלעך.

עפנט דעם אָוונט דער סעקרעטאר פונעם פּארטיי־קעמערל, כ' אראָנטשיק.

— ... וויפל דערגרייכונגענ אינ קאמפּ פארנ פּראָמפינפּלאנ, וויפל נײַס און לעבעדיקײַט האָבנ ארײַנגעטראָגנ אינ דער אכטער דיסטאנציע די יונגע בריגאדע אפּ כ' וואָראָשילאָווס נאָמענ.

— ... ראציאָנאליזאטארישע פּאָרשלאָגנ, עקאָנאָמיע.

— ... הײַנט פּרעמירנ מיר די בעסטע שלאָגלער־שאָפערס, די גאנצע בריגאדע אפּ כ' וואָראָשילאָווס נאָמענ. הײַנט טראָגט ארויס דאָס פּארטיי־קעמערל און די אדמיניסטראציע פונ דער אכטער דיסטאנציע זייער האַווערישנ דאנק דער גאנצער שול מיטנ לערער כ' אראָנ העלפּאנד אינ דער שפּיצ.

— אויסער דער אָנפירונג פונ פּארטיי־קעמערל וועלנ מיר העלפנ פּאָליטעכניזירנ אײַער שול, אײַנפירנ ווארשטאטנ, צופּלאָנ אנ אווטאָמאָביל אפּ לערנענ די עלטערע

גרופּנ אָנפירנ אונ פאריכטנ, מירנ אויסטיילנ א שטענדיקנ טוער צו אײַכ פאר אנ אָנפירער.

אפ דער בינע יאשקע בריגאדיר.

יאשקע גיט אָפּ א ראפּאָרט פונ זייער ארבעט אונ דערציילט, וואָס זיי האָבנ דערגרייכט פאר דער קורצער צײַט פונ זייער פּאָליטעכניזירנ זיכ אפ דער אכטער דיסטאנציע.

אפּלאָדיסמענטנ אינ זאל.

לערער אראָנ האָט ליב זײַנע יאטנ אינ שול, זײַנע בריגאדירנ אינ גרופּע.

אונ ווענ לערער אראָנ רעדט, הערט מענ זיכ אײַנ אופמערקזאם.

אונ ווענ לערער אראָנ ענדיקט, פּאטשנ הענט ענטוזיאזטיש.

— דערגרייכונגענ אינ שול אפנ פראָנט פונ פּאָליטעכניזאציע, לענינישער דערציִונג, באוווסטזיניקער דיסציפּלינ, פאר כ' סטאלינס זעקס אָנווײַזונגענ.

לייענט איצט דער פּאָרזיצער א צעטל פאמיליעס: די בעסטע שאָפערנ, די בעסטע בריגאדירנ פונ שול — ראדיאָ-אופנעמערס, לענינס ווערק, ביבליאָטעקנ, שיכ, קאָסטירמענ אונ אסאכ, אסאכ אנדערע מאטאָנעס.

דער אָוונט איז א פֿײַערלעכער. אונ ניט נאָר דער אָוונט, בא אלעמענ אינ די הערצער ברענענ פֿײַערלעכ. נאָר וואָס קלאפּנ עס הענט אזוי הילכיק?

דאָס לייענט דער פּאָרזיצער א מעלדונג.

שטיל, פּאוזע.

„מיר, די בריגאדע פונ 18 שילער אפ כ' וואָראָשילאָווס נאָמענ פארפליכטנ זיכ צו ארבעטנ אזוי ענערגיש ווי פריִער אונ ניט אוועקגיינ פונ דער אכטער דיסטאנציע ביזנ סאָפ פונ צווייטנ פינפיאָר".



# א בריוו פונ באקו

זדראָוו, ברודערקע יאשע!

א גרוס אײַך אלעמענ פונ די שלאָג־בריגאדירנ אפ די נאפט־קוואלנ. מיר ארבעטנ אונ דערשלאָגנ זיך אזעלכע טעמפנ, וואָס זײַנענ ניט דערהערט געוואָרנ אינ דער געשיכטע.

ווילסטו, יאשקע, וויסנ, ווער זײַנענ אונדזערע בעסטע בריגאדירנ? שווער זיי אויסצורעכענענ: זיי זײַנענ דאָ טויזנטער, טויזנטער בריגאדירנ פונ פינפיאָר.

ביסט אויך א בריגאדיר, העלפסט אויך אויספילנ דעם פינפיאָר, ביסט א יאטנ! געריס דאָרט אלע יאטנ—דײַנע בריגאדירנ. איך ווינטש אײַך דערפאָלג, אז איר זאָלט אויסוואקסנ אקטיווע בויער פונ סאָציאליזם, באוואָפנט מיט דער מארקסיסטיש־לענינישער טעאָריע.

לערנ זיך, לערנ זיך אונ לערנ זיך!

לערנט זיך פארטיידיקנ דאָס פאָטערלאנד פונ אלוועלטלעכנ פראָלעטאריאט! וואקסט א געזונטער פארבײַט דעם לענינישנ קאָמיוג! העלפט אויספילנ דעם פינפיאָר!

פאָליטעכניזירט זיך אונ ציט ארײַנ אלע יאטנ אינ דער ארבעט.

ווי ארבעט די שטוב־בריגאדע?

געריס זיי אינ מײַנ נאָמענ אונ זײַ א יאט.

מיט קאָמגרוס:

דײַנ ברודער זעליק.

אפרעל—1932.

NACA [illegible]